גליון יב׳ שנה א׳

פרשת במדבר
תשפ״ו

# בחור'ל

חיזוק, עצה און הדרכה פאר די ימי הבחרות

## בריוו פון דער ראש ישיבה

### שאלה: זאל איך לערנען שנעל אדער עיון?

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

א גרויסן יישר כח פאר די שיעורים, איך הער לעצטנס אסאך שיעורים, און ס'האט מיר פיל געהאלפן אין לעבן, ספעציעל פאר שלום בית, און דער סדר דרך הלימוד וואס האט מיר געמאכט צוריק עפענען די הייליגע תורה און אנהויבן לערנען פלייסיג.

אויך וויל איך דערציילן איבער א בחור וואס איך קען, וואס צוויי פון זיינע ברידער זענען ליידער אוועקגעפאלן פון אידישקייט, און ער האט שוין אויך געהאלטן אויפ'ן וועג אהין, ער האט זיך ארומגעדרייט ליידיג אן קיין שום תוכן, און נאר געוועהן פארנומען זיך צו קריגן מיט די הנהלה פון זיין ישיבה. און לעצטנס איז ער געוואויר געווארן פון די שיעורים, און זיין לעבן האט זיך ממש אינגאנצן געטוישט פון הימל ביז ערד, ער האט אנגעהויבן זאגן משניות, גמרא, מעביר סדרה זיין, און אזוי ווייטער. איך מיין אז פאר דעם בחור אליין האט זיך שוין געלוינט דעם גאנצן טעלעפאן ליין.

יעצט צו מיין שאלה, איך האב אנגעהויבן לערנען גמרא אויפ'ן סדר דרך הלימוד, אבער יעדע שטיק צייט קומט מיר אריין מחשבות אז איך קען יא פארשטיין, און אזוי גייט עס אז איך לערן שנעל א דריי בלאט, און נאכדעם הויב איך אן לערנען אביסל שטייט פאר איין בלאט, און נאכדעם ווער איך נערוועז און איך רוק זיך ווייטער שנעל דריי בלאט, און נאכדעם ווייטער אביסל שטייט, און אזוי גייט עס נאכאמאל און נאכאמאל, און איך ווער אינגאנצן צעמישט ווי אזוי איך זאל זיך אומגיין, ווייל איך וויל יא קענען אנקומען אסאך בלעטער. וואס זאל איך טון?

יישר כח

### תשובה

לכבוד ... יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

#### צוויי שיעורים

מאך זיך צוויי שיעורים. איין שיעור זאלסטו לערנען שטייטליך; זאלסט פרובירן צו פארשטיין וואס דו לערנסט, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט מען זאל האבן א שיעור יעדן טאג צו לערנען בעיון, פארשטייט זיך נישט צו שטארק קוועטשן נאר פרובירן צו פארשטיין.

נאכדעם זאלסטו זיך מאכן שיעורים צו לערנען בגירסא אויפ'ן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן וואס האט אונז געזאגט מען זאל לערנען אסאך אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט, מען זאל זאגן די ווערטער פון די תורה.

#### שיחות הר״ן סימן ע״ו

אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן עו): **״שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד - לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר״**, אפילו מען פארשטייט גארנישט זאל מען זאגן די ווערטער, **״וּמִמֵּילָא יָבִין״**, אוןביים סוף וועט מען פארשטיין. **״וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין״**, מען זאל נישט ווערן צעבראכן ווען מען זעט אז מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט, וואס דאס אליינס - אז מען וויל גלייך פארשטיין - מאכט אז עס

זאל זיין שווער צו פארשטיין דאס לערנען, מען זאל נאר זאגן די ווערטער כסדרן און מען וועט שוין פון זיך אליינס פארשטיין, "**וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?**" און אויב מען פארשטייט נישט דעם ערשטן מאל, וועט מען עס פארשטייןביים צווייטן מאל; און אויב מען וועט נישט פארשטיין דעם צווייטן מאל איז אויך גארנישט, "**כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (עיין שבת סג.): **'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה"**, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן, אז א מענטש זאל קודם אסאך זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט, און דערנאך זאל ער לערנען צו פארשטיין, "**כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וכו'**", ווייל אז מען געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעל, קען מען זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך; מען איז זוכה איבערצוגיין יעדע זאך זייער אסאך מאל, ביז מען איז זוכה דאס צו פארשטיין.

## א וועג צו פארשטיין לערנען

רבי נתן זאגט דארט ווייטער: "**וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד**", דער רבי האט זייער אסאך גערעדט פונעם דרך הלימוד, אז מען זאל נישט זוכן צו פארשטיין גלייך ווען מען לערנט, נאר מען זאל לערנען אסאך אן פארשטיין, ביז מען וועט זוכה זיין צו פארשטיין; ווען מען לערנט אויף דעם סדר דרך הלימוד איז מען זוכה אנצוקומען אסאך מער ווי ווען מען לערנט שטייט און מען קלערט אריין אין יעדע ווארט, וואס דאס שטערט נאר דאס לערנען, "**וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם**", און זייער אסאך מענטשן האבן אינגאנצן אויפגעהערט צו לערנען צוליב דעם וואס זיי האבן געלערנט און געקוועטשט וכו'.

"**אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם**", אבער אז א מענטש געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעלערהייט - אזוי ווי אויבן דערמאנט, וועט ער זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך, און ער וועט לערנען די גאנצע תורה - גמרא מיט אלע פוסקים, תנ"ך מיט אלע מדרשים, און זוהר הקדוש, "**וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה**", אזוי ווי דער רבי האט געוואלט אז מיר זאלן דורך לערנען כל התורה כולה. עיי"ש.

אז דו וועסט האבן באזונדערע שיעורים וועסטו נישט ווערן מבולבל וכו', דו וועסט זיין מסודר און דו וועסט זוכה זיין אנצוקומען צו לערנען די גאנצע תורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## בין כותלי הישיבה

**דער הייליגער רבי ברוכ'ל פון מעזשביזש האט אמאל געזאגט: "פאר ראש השנה האב איך נישט אזוי מורא ווי פאר שבועות. ראש השנה ווערט א מענטש גע'משפ'ט אויף א בילקע ארויף אדער א בילקע אראפ (פרנסה), אבער שבועות איז מען דן אויף א גמרא ארויף אדער א גמרא אראפ - וויפיל וועסטו זוכה זיין צו לערנען דאס קומענדיגע יאר?"**

**עס קומט יעצט דער הייליגער יום טוב שבועות, און ביי ברסלב'ער חסידים איז דאס א מורא'דיגע שמחה, ווייל "איך" קען אויך זוכה זיין צו קבלת התורה. איך בין נישט מיואש; דער רבי האט פאר מיר א וועג וויאזוי צו לערנען און צו ווערן א גרויסער צדיק.**

**א רחמנות אויף די אידישע קינדער וואס פילן זיך אזוי ווייט פונעם בארג סיני. עס זענען טאקע דא די ראשי ישיבות, די לומדים, די חסידישע אידן... אבער א מענטש פילט ביי זיך אז "איך שטיי אזוי ווייט פונעם בארג סיני." אבער דער רבי האט א וועג פאר דיר...**

**צו הערן די גאנצע שיעור:**

**212-444-9191 דערנאך: 1|2|1|11|2|23**

## קורץ און שארף

"וואס מען טוט פאר זיך...
לאזט מען דא.
וואס מען טוט פאר יענעם (גמ"ח)
נעמט מען מיט."

(דער ראש ישיבה שליט"א אין א שיעור)

קול ברסלב - שיעורים | חיזוק יומי | ניגונים | שמועסן| מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191\ 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 | ענגלאנד 03303502361 | קאנאדא 4383008080 | בעלגיע 3235003461 | ארגענטינע 11552354370